# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נצבים וילך תשפ"ד שנה י | גליון מס' 552

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בענייני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### דער האלץ העקער
### וואס האט זיך מגייר געווען

**"טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ" (כט י)**

בשכינות פון דער שטוב פון דעם הייליגער נודע ביהודה אין פראג איז אמאל אנגעקומען א גוי'אישער האלץ העקער און האט אנגעהויבן צו האקן האלץ. צווישן די ארט וואו ער האט געארבעט און דער שטוב פון דער נודע ביהודה איז געווען אן אפענער פענסטער.

פונקט אין יענער צייט האט דער נודע ביהודה געזאגט תהלים. דער גוי האט געהערט ווי דער נודע ביהודה זאגט תהלים און עס איז אריין אין זיינע ביינער אז ער האט באשלאסן אז ער גייט זיך מגייר זיין און ווערן א איד.

מיט די בחינה האט דער רב פון דארגאמירשט הגאון רבי מנחם מענדל שפירא זצ"ל גע'דרשנ'ט דער פסוק "וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ - מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ..." אז פון די האלץ העקער זענען געווארן גרים.

'מאזני צדק'

### דער זיך 'נאכלאזן'
### איז דער שורש פון יעדן דורכפאל

**"חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ" (לא ו)**

דער פשטות'דיגער טייטש פון "לא ירפך" איז אז הקב"ה וועט אונז נישט אפלאזן.

רש"י אויפ'ן ארט ברענגט אראפ נאך א פשט: "לא ייתן לך רפיון להיות נעזב ממנו"

א הייליגער געדאנק זאגט אויף דעם דער **'מנחת אלעזר'**:

ווען א מענטש גייט אריבער א שוועריגקייט וועט זיך עס ווענדן ווי אזוי דער מענטש נעמט עס אן. אויב דער מענטש איז שטארק ביי זיך זענען די שאנסען אז ער זאל אריבערגיין די קריזיס שטארק. דאגעגן אויב דער מענטש וועט אריינפאלן אין יאוש זענען די שאנסען ער זאל עס אסאך שוואכער. עס איז אזוי ביי יעדע זאך אבער ביתר שאת איז עס אזוי ווען א איד איז ל"ע קראנק. אויב געט ער אויף זיך אליין, אפילו אז עס שטעלט זיך ארויס אז די דיאגנאזיע אויף אים איז נישט א ריכטיגער, וועט ער מיט דעם פארשנעלערן זיין טויט רח"ל.

די בחינה ליגט דא אין די ווערטער פון רש"י. די תוה"ק זאגט דיר דא אן אז "לא ייתן לך" הקב"ה וועט דיר נישט ערלויבן אז דו זאלסט אנקומען לידי "רפיון" אז דו אליין זאלסט אנקומען צו ווערן פארלאזט נאר ער וועט דיר שטארקן און אפהאלטן פון דעם.

'אמרי דבש' [לרד"ב שווארץ] עמ' קמט

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם
### גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אז די זכותים זאלן זיך מערן ווי א רימון

שטייענדיג ביים שוועל פון א נייער יאר זענען מיר מלא תקוה אז די נייע יאר זאלן אונז ברענגען א שפע פון א טובה וברכה, אז עס זאל מקויים ווערן במלואו די תפילה וואס מיר בעטן: "תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה".

א שווער יאר איז אריבער אויף כלל ישראל. מען האט מקריב געווען אסאך קרבנות, מען האט אויך געזען די שנאה פון די וועלט אויף כלל ישראל, דער 'עומדים עלינו לכלותינו' און וויפיל רחמי שמים מען דארף צו האבן, אז מען זאל ניצול ווערן פון די כוחות הרשע.

עס איז זיכער אז אין די קומענדיגע ראש השנה וועלן אידן זיך אויסגיסן זייערע הערצער אין די שולן און זיך אויסוויינען פאר אונזער טאטע אין הימל אז די יאר וואס קומט זאל זיין בעסער, עס זאל שוין ברענגען די בשורה טובה.

אז מיר זאלן פועל'ן אלעס גוטס, אז די כף זאל ווערן מוכרע לזכות, דארף מען האבן זכותים, ווי מען בעט ראש השנה ביינאכט: "שירבו זכויותינו כרימון".

מען ארבעט אויף אלע פראנטן צו פארגרעסערן די סומע פון זכותים, אבער א גרויסער זכות איז דער ענטפערן אמן און ווי דער מדרש זאגט אין פרשת כי תבוא (דברים רבה ז א): "אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים".

דער 'אמן' האט אין הימל א באזונדרע חן. עס איז אייביג חשוב, אבער עס נאך חשוב'ער אין די טעג ווען מיר זענען ממליך הקב"ה אויף די וועלט. דער 'אמן' איז די ריכטיגע המלכה פאר הקב"ה ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף קיט ב): "מאי אמן - 'א-ל מלך נאמן'".

אין אזא טאג דארף מען זוכן די זכותים. אז מען זעט נעבן אונז שטייט א איד און מאכט ברכת השחר דארף מען צולייגן אן אויער און אויסהערן די ברכה, ווייל יעדע אמן ציילט, יעדע אמן איז נאך א זכות אויפ'ן וואגשאל וועלכע וועט בעזר ה' מטה זיין דין לכף זכות.

די אמנים פון די ברכת השחר איז א וועלט פאר זיך אבער בנוסף קומט נאך צו די זכות פון זיך ווענדן צו דיין חבר און אים מזכה זיין מיט די ברכה. ווען דו באגייסט אזא פעולה זען עס זיינע שכנים און אויך דיינע און אויך זיי ווערן נתעורר צו מאכן ברכות און דיינע זכותים שטייגן, עס ווערט מקויים דער 'שירבו זכויותינו'.

אז מיר וועלן מקפיד זיין אויף דעם מיט'ן גאנצן כח וועלן מיר זוכה זיין אז אויף אונז וועט געליינט ווערן דער פסוק "גוי צדיק שמר אמנים" און דאס וועט אונז צוברענגען אז מיר זאלן זוכה זיין צו ווערן פאר'חתמ'ט אין די ספרן של צדיקים גמורים לשנה טובה ומתוקה. אמן.

**מיט א קריאה פון "צדיק שומר אמנים"!**
**ובברכת כתיבה וחתימה טובה ושבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

זייער בארימט און באקאנט איז געווען דער צדיק רבי יעקב יוסף זצ"ל פון ניו יארק, מער באקאנט מיט זיין טיטול דער "רב הכולל" פון ניו יארק.

"מורי ורבותי - געט קוק ווי א מענטש קען אנקומען! איך בין געווען מפורסם אלץ א בקי והריף און דא האב איך אלעס פארגעסן. טוט תשובה, איידער עס וועט זיין צושפעט ווייל אויב איר וועט נישט יעצט תשובה וועט קומען א צייט ווען איר וועט וועלן תשובה טון אבער איר וועט נישט קענען.



דער רב הכולל פון ניו יארק רבי יעקב יוסף זצ"ל

נאך אסאך איידער ער איז דערוועלט געווארן צו דינען אלץ רב הכולל פון ניו יארק האט ער שוין גע'שמ'ט מיט זיין גדלות בתורה.

פון די פריע יונגע יארן האט מען געזען אז ער וואקסט אויף א גדול בתורה. אין די בחורישע יארן האט ער געלערנט בהתמדה רבה אין די בארימטע וואלאזשינער ישיבה ביים נצי"ב פון וואלאזשין.

דער נצי"ב זעענדיג זיין גדלות בתורה, זיין גאונות, האט אים בא'טיטול'ט אלץ "חריף". פון דאן און איז ער איבעראל געווען בארימט אלץ רבי יאנקעלע חריף.

א וועלט פאר זיך איז געווען זיין שקיעות אין עולם המוסר. זייענדיג א נאנטער תלמיד פון דער אבי תנועות המוסר רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט ער אוועקגעלייגט אסאך כוחות צו שטייגן בעולם המוסר.

ער אליין איז געווען זייער אויסגעארבעט אין די עולם המוסר און איז אויך געווען זייער בארימט מיט זיינע פלאמפייערדיגע דרשות זייענדיג אן אויסגעצייכענטער גוטער רעדנער און א דרשן נפלא.

דורכאויס די יארן וואס ער איז געווען אין אייראפע האט ער געדינט ברבנות אין מערערע קהילות. פאר א שטיק צייט איז ער געווען א דיין און א מגיד אין די שטאט ווילנע.

עטליכע יאר שפעטער איז ער פארבעטן געווארן צוקומען דינען אלץ דער רב הכולל אין ניו יארק. עס איז געווען אין יענע יארן ווען די קהילות אין ניו יארק האבן זיך פאראייניגט און געזוכט א פאסיגער רב וועלכע זאל שטיין בראש פון די קהילות און ארויפברענגען די קהילה אויף א העכערע און א בעסערע צושטאנד ברוחניות.

זייער יונג איז דער רב הכולל געווען אבער מיט די פערזענליכע שטיצע פון די דעמאלט'סדיגע גדולי הדור - גלייבנדיג אז ער איז דער פאסיגער שליח אויפצוהייבן די דעמאלטס'דיגע אידישקייט שטאנד אין אמעריקע האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, צו זיין נייער פאסטן.

ווען די ניו יארקער קהילה האט געהערט אז ער איז מסכים אנצונעמען די רבנות אין ניו יארק זענען זיי געווארן בשמחה. אין דעם טאג וואס די שיף האט געאנקערט אין ניו יארק זענען אסאך אידן ארויס צו די שיף און אים עמפאנגען בכבוד הראוי גלייבנדיג אז עס ווארט פאר ניו יארק א נייער צייט.



די מצבה פון דעם רב הכולל רבי יעקב יוסף אין די בית החיים פון יוניאן פילד אין קווינס

מען האט אים אפגעגעבן כבוד מלכים, מען איז געקומען צו זיינע דרשות, אבער ווען ער האט געוואלט מאכן ענדערונגען אין אידישקייט האט ער זיך באגעגענט מיט א שטארקע התנגדות. מיטאמאל זענען די מריצים געווארן איבערגעדריידט צו זיינע קעגנער, מען האט ארגאנאזירט קעגן אים באוועגונגען. די קעגנער זענען געווען פשוטע בעלי בתים אבער זיי האבן זיך אהערגעשטעלט אלץ אזוי גערופענע 'רבנים' און עס האט אויסגעבראכן א שווערע קריגערי צווישן די זייטן.

דער רב הכולל האט זייער שווער גענומען די קריגערי. זעענדיג אז ער קען גארנישט אויפטון און טוישן האט ער עס גענומען

## — די קורצע דרשה וואס האט באוויזן וואונדער —

פערזענליך און זיך געגעסן דאס הארץ פון דעם. עס איז געקומען צו א שטאפעל אז פון גרויס צובראכנקייט איז ער געבליבן איינגעשפארט ביי זיך אין שטוב און עס האט אים אנגעהויבן שאטן צו די געזונט.

אין יענע טעג האט ער געזאגט פאר זיינע מקורבים אז ער באדויערט פארוואס ער האט זיך נישט איינגעהערט צו די באפעל פון בריסקער רב. דער בריסקער רב זצ"ל האט אים אפגערעדט פון פארן קיין אמעריקע. בשעתו האט ער נישט אנגענומען די עצה, אבער יעצט באוויינט ער עס שטארק.

דער רב הכולל האט מער נישט געפירט די קהילה אבער די ניו יארקער אידן האבן זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל קומען געבן א דרשה אין די צענטראלע שול פון ניו יארק.

צוליב זיין שווערע געזונט צושטאנד האט ער עס אפגעזאגט, אבער איינמאל אין שבת שובה האט ער מסכים געווען צוקומען געבן א דרשה. ווען עס איז ארויס די שמועה אין גאס אז דער רב גייט געבן א דרשה, איז דער שול געווען איבערגעפולט מיט מענטשן, יעדער האט געוואלט הערן וואס דער רב גייט רעדן.

מען האט אים אריינגעברענגט אויף א בענקל און געשטעלט אויפ'ן אויבנאן. ער האט אנגעהויבן זיין דרשה מיט די ווערטער: דער הייליגער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה, אבער ער האט נישט ממשיך געווען, ער האט פארגעסן די ווערטער פון דעם הייליגן רמב"ם.

זעענדיג אז אויך דאס געדענקט ער נישט האט ער געגעבן א געשריי:

"מורי ורבותי - געט קוק ווי א מענטש קען אנקומען! איך בין געווען מפורסם אלץ א בקי והריף און דא האב איך אלעס פארגעסן. טוט תשובה, איידער עס וועט זיין צושפעט ווייל אויב איר וועט נישט יעצט תשובה וועט קומען א צייט ווען איר וועט וועלן תשובה טון אבער איר וועט נישט קענען.

רבי יוסף האט געענדיגט זיינע קורצע ווערטער און אויסגעבראכן אין א ביטערן כליפענדן געוויין. די געוויין האט נאכגעשלעפט אלעמען, אלע האבן געכאפט א ביטער און געהאט דערביי א הירהור תשובה.

מען האט געזאגט אז די דרשה האט געהאט א גרעסערע השפעה ווי אלע אנדערע דרשות וואס ער האט געגעבן דורכאויס די צייט וואס ער האט געדינט אלץ רב אין ניו יארק.

יענער יאר, כ"ג תמוז תרס"ב, איז ער נסתלק געווארן לבית עולמו.

ביי זיין לויה האט צענדליגע טויזנטער אידן אנטיילגענומען, זיין זכרון איז געבליבן איינגעקריצט ביי די אידן אין ניו יארק און איבער די וועלט, מען האט שפעטער אויפגעשטעלט א ישיבה אויף זיין נאמען, די ישיבה 'רבנו יעקב יוסף'.

די ישיבה שטייט נאך ביז'ן היינטיגן טאג אין ניו דזשערסי.

'תנועת המוסר' ח"ב פרק ל

## תשובה טון פאר'ן נישט ענטפערן אמן

איינס פון די גרויסע מכשולים פאר א איד וואס וויל טון תשובה שלימה איז דער קאנצעטרירונג פון א איד אין די גרויסע עבירות איבערלאזנדיג די קליינע עבירות טראכטנדיג אז זיי זענען דאך קלייניגקייטן, מיט זיי וועט מען זיך נאך אן עצה געבן.

דער רמב"ם אין הלכות תשובה [ד.ד] רעדט דערוועגן און שמועסט אויס די נקודה.

צווישן די עבירות וועלכע זען אויס ביי א מענטש ווי א קליינע עבירה איז די עבירה פון נישט ענטפערן 'אמן'.

ווער עס קוקט אריין אין זוה"ק (וילך רפה ב) זעט אז די עונש פאר'ן נישט ענטפערן אמן איז זייער גרויס און מען דארף טון אויף איר א תשובה גדולה.

א שטארקער לשון איז דא פון דער מקובל האלוקי רבי מאיר הכהן פאפירש איבערדעם. פאלגענד זענען זיינע ווערטער: ('אור הישר' ז יח-יט):

**"צריך תשובה גדולה למי שאינו עונה אמן - ואף שרק פעם אחת לא ענה - דהיינו כששמע איזה ברכה אפילו על פרי, או שמברך חברו על איזה מצווה, ומכל שכן בתפילת הש"ץ... ובווידוי 'אשמנו' שבכל יום יוריד דמעות על אותן אמנים שלא ענה".**

## די תשובה פאר'ן פארפעלן אן אמן

אין יאר ה'תל"ז, וועלכער קומט אויס בערך 350 יאר צוריק, איז אין די שטאט לובלין ארויס א קונטרס מיט'ן נאמען 'תשובת נפש'. די קונטרס רעדט ארום פון דער חטא פון פארפעלן אן אמן און שטעלט אויס א סדר התשובה פאר ווער עס איז נכשל געווארן און האט פארפעלט אין זיין לעבן איין אמן. עס נישט קלאר ווער דער מחבר איז, ער שרייבט נישט ארויס קלאר זיין נאמען, ער שרייבט זיך נאר אונטער מיט'ן נאמען: 'תשובת נפש' בן דוד מק"ק וואגלייב.

פון דער קונטרס איז איבערגעבליבן בלויז איין עקזאמפלער און אויך דאס איז נישט בשלימות. דער איינצעלער קאפי ליגט היינט אין די אונערווערזיטעט פון אקספארד אין בריטאניע.

נישט אלעס וואס שטייט דארט קען מען פארשטיין אבער פון די ביסל וואס מען פארשטייט יא זעט מען ווי הארב עס איז אויסצולאזן אפילו איין אמן און אז מען דארף אויף דעם האבן א תיקון. ('כתר מלוכה' עמ' מז).

## אמן – איז די התחלה פון תשובה

דער ראש הישיבה **רבי אהרן קוטלר** פלעגט אייביג צו זאגן אז אנדערש ווי מענטשן מיינען איז תשובה נישט מיט נייע קבלות נאר מיט זאכן וואס מען טוט שוין סיי ווי סיי אבער די קבלה זאל זיין אז פונהיינט זאל מען עס טון אזוי ווי עס דארף צו זיין. די ביישפיל וואס ער געט דארט איז די ביישפיל פון 'אמן'. ארום די אמן איז דאך דא אסאך הלכות און חז"ל האבן זייער מחמיר געווען אין דעם און פון די חומרות הדברים קען מען זען ווי הארב עס איז ווער עס איז מבטל דער אמן און ווי וויכטיג עס איז אז מען זאל זיך נעמען דערצו. ('משנת רבי אהרן' מאמרים ח"ב עמ' פ).

## די ריכטיגע דרך התשובה

אין דער ספר **'כתר מלוכה'** (עמ' מח) ברענגט ער אראפ בשם איינער פון די חכמי הסוד אז ער האט געזאגט אז די דרך תשובה פאר ווער עס איז מזלזל אין אן אמן איז אז ער זאל זיך קובע זיין צו לערנען ספרים איבער די מעלה פון ענטפערן 'אמן'. (שם עמ' מח).

•

אויסערדעם וואס מען דארף תשובה טון אויף איז אויך דא אין די מקורות אז דער 'אמן' איז א סגולה פאר כפרה, אז עס איז מכפר אויף די עבירות פון א איד.

## אמן עפענט אויף די שערי תשובה

אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן" זאגט דער צדיק רבי שלמה קארלינער אז וועגן דעם האבן חז"ל געשריבן מיט א לשון הווה - "פותחים", ווייל די "שערי גן עדן" איז די שערי תשובה.

מיט דעם לערנען אונז חז"ל אויס אז בשכר פון עניית אמן בכל כוחו עפענט מען אויף פאר'ן מענטש די שערי תשובה און ער איז זוכה צו טועם זיין אויף די וועלט א תענוג גן עדן ועולם הבא" ('בית אהרן' בראשית, הגש"פ ד"ה 'הא לחמא עניא', לראש השנה ד"ה כתיב וישוב).

אין א בריוו צו די מערכת פון **רבי גמליאל הכהן רבינוביץ** דער בעל מחבר פון דער ספר 'גם אני אודך' ברענגט ער אראפ א רמז אז דער 'אמן' עפענט אויף די שערי תשובה ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער וואס הייבן הייבן אן די שערי תשובה ביי שמונה עשרה - "**סלח לנו אבינו**" - איז די גימטריא פון 'אמן'.

## א תשובה שלמה אין זכות פון 'אמן'

דער פסוק אין נביא (הושע יד ב): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֺנֶךָ", פלעגט דער בעל 'שומר אמונים' אויסטייטשן ווי פאלגענד: "שובה" איז ראשי תיבות "ברוך הוא וברוך שמו". "ישראל" איז ראשי תיבות: "לענות אמן יהא שמיה רבא".

דער נביא איז דא מרמז אז דורך וואס מען איז מקפיד אויף די זאכן, אז מען איז מקפיד אויף אמן, אויף ברוך הוא וברוך שמו און אויף "יהא שמה רבא" איז מען זוכה אז עס ווערט נמשך אויפ'ן מענטש אן אור גדול און מיט זיין תשובה קומט מען אן 'עַד ה' אֱלֹקֶיךָ'".

אויף דעם רופט דער נביא (הושע יד ג): "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'". "קְחוּ עִמָּכֶם" נעמט מיט אין אייערע אוצרות "דברים" שבקדושה דהיינו איר זאלט מקפיד זיין צוזאגן די זאכן בקול און מיט כוונה און דורכדעם וועלן זיך עפענען פאר אייך די שערי תשובה "וְשׁוּבוּ אֶל ה'".

ער לייגט צו שטארקע ווערטער: "אם יהא נזהר בכל פרטי בחינת אמן ושל יהא שמה רבא המובא בזה המאמר (מאמר 'פתחו שערים' בספר 'שומר אמונים'), אז בלי ספק שיהיה לו תיקון הנפש ביתר שאת, יותר מכמה אלפים תעניתים בלי שיעור. ויתקשר נפשו בשורש העליון, ומסיר החלודין והפסולת מנפשו, רוחו ונשמתו".

'שומר אמונים', מאמר 'פתחו שערים' פרק יד

## 'אמן' וואס האט מחזיר בתשובה געווען

דער בארימטער צדיק ומשפיע רבי אליהו ראטה זצ"ל דער נאמן ביתו פון דער צדיק רבי שלומק'ע זוועהילער פלעגט אסאך ארומרעדן איבער די חשיבות פון ענטפערן 'אמן' און מעורר געווען אלע ארומיגע אידן אז מען זאל זיין נזהר אין דעם.

ביי איינער פון זיינע שמועסן האט ער דערציילט די פאלגענדע מעשה ווי אזוי א איד איז געווארן א בעל תשובה אדאנק זיין זהירות איבער אמן.

ומעשה שהיה אז טאג טעגליך האט רבי אליהו געהאט א קביעות אריינצוגיין אין א קיאסק געשעפט וועלכע איז געווען נעבן זיין שטוב צו קויפן אין איר א טרינק און מאכן דארט א ברכה, וועלנדיג מזכה זיין דער פארקויפער מיט אן אמן.

דעיר בעל ה'געשעפט איז געווען א פרייער איד און רבי אליהו האט אים געוואלט מזכה זיין מיט א ברכה. איין טאג האט דער פארקויפער געמאכט א חשבון אז אויב אזא חשובער איד איז זיך יעדן טאג מטריח און קומט צו מיין געשעפט צו קענען מאכן א ברכה איז דאך נישט מער ווי פאסיג אז איך זאל נישט שטיין קעגן אים מיט אן אויפגעדעקטער קאפ. ער האט זיך איינגעהאנדלט א קאפיל און ווען רבי אליהו איז געקומען צוגיין האט ער עס אנגעטון און מיט איר געענטפערט אמן.

די קליינע פעולה האט געהאט אויף אים א שטארקע השפעה און ביסלעכווייז איז דער איד געווארן א בעל תשובה גמור.

האט רבי אליהו אויסגעפירט אז די קליינע הנהגה האט צוגעברענגט אז א איד זאל תשובה טון בשלימות, ווייל אן אמן האט א מורא'דיגע כח.

'איש חסיד היה'
[תולדות רבי אליהו ראטה] עמ' רל



# דער בעל ׳משנה הלכות׳ כ״ט באלול תשע״א

דער גאון רבי מנשה קליין זצ״ל איז געבוירן געווארן אין יאר תרפ״ג אין די גלילות פון די שטאט אונגווואר וועלכע איז היינט אין אוקראיינע, צו זיין חשובער פאטער הרב אליעזר זאב, דער רב אין די שטאט אירליאווע.

דער מוהל ביי זיין ברית איז געווען דער מונקאטשער רב דער בעל ׳מנחת אלעזר׳. ער האט מציע געווען אז מען זאל רופן דאס קינד ׳מנשה׳ על שם דער נשיא וואס מען האט געליינט אין יענעם טאג.

אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביי זיין טאטע. שפעטער אין יאר תרצ״ב איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון אונגוואר. דער ראש הישיבה אין יענע יארן איז געווען דער בארימטער גאון רבי יוסף אלימלך כהנא זצ״ל. מיט די יארן זעענדיג זיין קענטעניס און זיין גאונות האט אים דער ראש הישיבה זצ״ל ממנה געווען איבערצוגעבן שיעורים פאר די בחורי הישיבה. ביי די קריג יארן האבן די דייטשן ימש״ו דעפאטירט אים מיט זיין גאנצע משפחה קיין אוישוויץ. דארט האט מען אים אפגעטיילט פון זיין משפחה. זיי זענען געשיקט געווארן לינקס און אים האט מען געשיקט אויף רעכטס צו די ארבעטס לאגערן, ער האט מיטגעמאכט אסאך שוועריגקייטן אבער ער האט איבערגעלעבט די קריג און זוכה געווען אויפצושטעלן א שיינער דור. נאך די קריג איז ער געקומען קיין אמעריקע און איבערגעגרינדעדט די אונגווארער קהילה אין בארא פארק.

אויך אין ארץ ישראל האט ער בונה ומקים געווען אהלה של תורה, אין יאר תשמ״ג האט ער אויפגעבויט די קריה פון אונגוואר אין די רמות געגענט אין ירושלים.

די ארגינעלע פלאן איז געווען אז ווען די שכונה אין ירושלים ווערט פערטיג וועט ער זיך באזעצן איר, אבער למעשה האט ער זיך באזעצט אין ארץ ישראל בלויז אין דעם יאר תשס״ט. אויסער וואס ער האט געדינט אלץ א חשובער ראש השיבה פון די ׳בית שערים׳ ישיבה איז ער אויך ברייט בארימט מיט די צענדליגע חיבורים וואס ער האט ארויסגעגעבן בכל מכמני התורה און ספעציעל מיט זיין תשובה ספר ׳משנה הלכות׳.

ערב ראש השנה אין יאר תשע״ב איז ער נסתלק געווארן לבית עולמו, לויט זיין צוואה האט מען אים געלייגט אויף דער בית החיים אין צפת, סמוך צו די קבר פון זיין זיידע רבי עמרם חסידא זצ״ל.

## דער אמן איז גערעכענט ווי צוויי ברכות

דער גאון רבי אברהם בן שושן, א תלמיד פון דער הייליגער רא״ש (׳אבודרהם׳ תיקון התפילות ועניניהן) שרייבט אז בכח די תפילה פון א איד איז דער איד זוכה צו פרנסה בהרחבה.

א רמז דערצו איז דא אין די צאל פון ברכות. אז מען וועט אויסרעכענען איז דא אין יעדער שמונה עשרה ניינצן ברכות. אז מען וועט דאפלען די ניינצן צו דריי מאל א טאג קומט מען צו די מספר פון 57 כמספר פון דערווארט ז״ן א רמז אז הקב״ה שפייזט א איד בזכות התפילה.

לייגט צו דערויף רבי אברהם בן שושן אז בעצם איז אין יעדע תפילה דא די מספר פון ז״ן - ווייל אין יעדע תפילה איז דא דריי מאל 19. די ערשטע מאל 19 איז דא ווען דער איד דאווענט שמונה עשרה, די צווייטע מאל איז דא ווען ער הערט אויס ׳חזרת הש״ץ כדין ׳שומע כעונה׳ (סוכה לח ב), די דריטע מאל איז דא ווען ער זאגט ׳אמן׳ אויף יעדע ברכה, ווייל ווען א איד זאגט אמן איז דער אמן גערעכענט ווי א ברכה.

מיט דער דערהער זאגט דער בעל ׳משנה הלכות׳ קען מען זייער גוט פארשטיין פארוואס איז ”גדול העונה אמן יותר מן המברך” ווייל דער מברך האט נאר איינס, אבער דער וואס הערט די ברכה האט צוויי, איינס מדין ”שומע כעונה” און די צווייטע מכח דער אמן. (שו״ת ׳משנה הלכות׳ ח״א סי׳ סו).




דער זוהר הק׳ אין די וואכענדיגע פרשה (וילך רפח ב) איז מגלה אז דער ׳אמן׳ איז דער שליסל וואס עפענט אויף פאר א איד די שערי תפילה וזלה״ק:

”כאשר ישראל נזהרים לענות אמן כראוי, הקול מכריז בכל העולמות: ׳פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים׳ (ישעיה כו ב) - אל תקרי ׳אמונים׳ אלא ׳אמנים׳; ׳פתחו שערים׳ - כשם שישראל פתחו שערי הברכות בעניית אמן, כך ייפתחו בפניהם שערי תפילה, ותתקבל תפילתם”.

אויף די ווערטער פון זוה״ק לייגט צו דער רמ״ז (שם):

”כיון שפיהם נתקדש בעניית אמן ובכוונה, לכן הבל שלהם עולה ובוקע כל מסכים”.

### טייערע אידן!

אין די טעג ווינטש זיך יעדער איד אז זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון, שליס דו זיך אויך אן אין די וואס שטייען אויף פרי און פעדערן זיך צוקומען אין שול אריין און הייבן אן דעם טאג מיט׳ן ענטפערן ׳אמן׳ נאך ברכת השחר פא׳ן דאווענען. אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז אונזערע תפילות וועלן אין די טעג נתקבל ווערן ברחמים וברצון

זיך אנצושליסן פול אויס אן אפליקאציע אויף דער ׳נדרים פלוס׳ מאשין און מיר וועלן זיך פארבינדן זיך מיט אייך צו שיקן די מאטריאל.

צווישן די וואס פולן אויס די אפליקאציע וועט פארקומען בס״ד א גורל אויף צוויי וואוטשערס פון א זכות צוקויפן ספרים - יעדע וואוטשער אין ווערד פון 1000 שקל.



ברכות השחר כהלכה

בקול | בכונה | בחברותא